יודען, געדענקט די רדיפות אויף אייערע ברידער אין דייטשלאַנד

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT פרייז 15 גראָשען (פולע טאַבעלע פון דער מלוכה-לאָטעריע—7 זייט) היינט 8 זייטען

# נייער פאָלקסבלאַט

№ 120 | Łódź, Środa, 24 maja 1933 r. | עלפטער יאהרגאנג | לאָדז, מיטוואָך, כ"ח אייר תרצ"ג | № 120

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאָדז, פעטריקאָווער 21, טעל. 224-71

# גרעסטע אמעריקאנער בענק

## ווערען בעשולדיגט אין שטייער-מיסברויכען, פעלשען בילאַנסען און ביכער

### פרעזידענט רוזוועלט פיהרט אָן מיט דער אַקציע געגען די בענק. — ספּעציעלע קאָנגרעס-קאָמיסיע פיהרט די אויספאָרשונג וועגען מאָרגאַן-קאָנצערן

לאָנדאָן, 23 (ספּ. טעל.)

פון ניו-יאָרק איז מען מודיע אַז היינט האָט אַ וואַלוטע-קאָמיסיע פון קאָנגרעס אָנגעהויבען אַן אויספאָרשונג געגען באַנקיר מאָרגאַן.

דער פּראָקוראָר פעקאָראַ האָט צונויפגעזאַמעלט אַ משך פון עטליכע חדשים אַן אומגעהויער רייך מאַטעריאַל וועגען מאָרגאַן-קאָנצערן וועלכער האָט בעהערשט די אינדוסטריע און אַנדערע צווייגען פון ווירטשאַפטליכען לעבען.

כדי פעסטצושטעלען דעם פאַקטישען מצב זענען קאָנפיסקירט געוואָרען מאָרגאַנס האַנדעלס-ביכער און אויך די האַנדעלס-ביכער פון אַנדערע ניו-יאָרקער באַנקירען וועלכע ווערען בעשולדיגט אין שטייער-מיסברויכען און אין פעלשען ביכער און בילאַנסען.

אויף דער היינטיגער זיצונג פון דער וואַלוטע-קאָמיסיע איז אויך געהערט געוואָרען וועגען דער טעטיגקייט פון מאָרגאַן-קאָנצערן אין אויסלאַנד. דער ערשטער איז היינט אויסגעהערט געוואָרען מאָרגאַן אַליין.

מאָרגאַן איז בעגלייט געקומען קיין וואַשינגטאָן אין דער געזעלשאַפט פון אַ גרויסער צאָהל אַדוואָקאַטען און באַנק-בעאַמטע.

פון מאַסגעבענדע קוועלען איז מען מודיע, אַז פעקאָראַ פיהרט די אויספאָרשונג וועגען מאָרגאַנס הכנסות. מאָרגאַן בעמיהט זיך מיט אַלע מיטלען צו פערטושען דעם ענין.

די אַקציע געגען מאָרגאַנען ווערט בעטראַכט פאַר אַן אָנהויב צו רעאָרגאַניזירען דאָס באַנק-וועזען אין אַמעריקאַ.

די שאַרפע פעראָרדנונג פון פרעזידענט רוזוועלט געגען אַנגעזעהענסטען פאָרשטעהער פון די ווירטשאַפטליכע ספערען אין לאַנד, האָט אַרויסגערופען אַ גרויסען רושם אין די ברייטסטע קרייזען פון דער געזעלשאַפט.

וואַשינגטאָן, 23. (ספּ. טעל.)

עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז מאָרגאַן האָט אין יאָהר 1932 נישט געצאָהלט קיין הכנסה-שטייער. מאָרגאַן זאָל זיך פערטיידיגען דערמיט, וואָס זיין הכנסה זאָל נישט האָבען דערגרייכט קיין 4000 דאָלאַר.

לאָנדאָן, 23. (ספּ. טעל.)

דאָ האָט געמאַכט אַ גרויסען רושם די ידיעה אַז מען האָט היינט אָנגעהויבען אַן אויספאָרשונג דורך אַ ספּעציעלער קאָמיסיע פון אַמעריקאַנער סענאַט, וועגען די פינאַנציעלע אָפּעראַציעס פון גרעסטען וועלט-פינאַנסיסט מאָרגאַן, וועלכער שטעהט בראש פון אַ באַנק, וועלכע האָט אַן אַלוועלטליכע קראַפט.

די דאָזיגע אויספאָרשונג איז פעראָרדענט געוואָרען אונטער'ן דרוק פון פרעזידענט רוזוועלט און איז איינער פון רוזוועלטס קאַמף-עטאַפּען מיט די מעכטיגע גרויסע פינאַנסיסטען פון אַמעריקאַנער עפענטליכען לעבען.

מאָרגאַנען פערטיידיגט אַ גאַנצער קאָלעגיום פון די גלענצענדסטע יוריסטען מיט'ן געוועזענעם אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר דזשאָן דייוויס בראש.

# קאַמף צווישען יודישע און דייטשע דעלעגאַציעס אין גענף

## וועגען די יודישע פעטיציעס צום פעלקערבונד

גענף, 23. (יט"א טעלעגראַפיש).

ווי דער יט"א פאָרשטעהער ווערט געוואויר מאַכט די דייטשע דעלעגאַציע בעמיהונגען, אַז בערנהיימס פעטיציע זאָל נישט בעהאַנדעלט ווערען אויף דער מאָרגענדיגער זיצונג פון פעלקער-בונד די דייטשע דעלעגאַטען רוקען דערביי אַרויס יורידישע מאָטיווען, אַז בערנהיים איז נישט קיין שטענדיגער איינוואוינער פון אויבער - שלעזיען. די דייטשע דעלעגאַטען פיהרען אַן ענערגישע אַקציע ביי אַנדערע דעלעגאַטען אַז די פעטיציע זאָל נישט בעהאַנדעלט ווערען.

די יודישע פאָרשטעהער דאַגעגען בעמיהען זיך צו בעאיינפלוסען פערשידענע מלוכה-דעלעגאַציעס אַז סיי בערנהיימס פעטיציע, סיי אַנד. יודישע פעטיציעס זאָלען אומבעדינגט בעהאַנדעלט ווערען אויף דער איצטיגער סעסיע פון פעלקער-בונד.

די פראַגע איז דערווייל נאָך אין געהיים, אין די אַמעריקאַנער פינאַנציעלע קרייזען האַלט מען אַז די איצטיגע סטאַביליזאַציע וועט נישט זיין קיין ענטגילטיגע, מען רעכענט אַז די סטאַביליזאַציע וועט ווערען געשטיצט אויפ'ן יסוד פון דער פאַקטישער זאַכלאַגע וואָס האָט זיך געשאַפען לעצטענס אויף די געלד-מערק אין דער וועלט אַ דאַנק די אינטערווענציעס פון ניו-יאָרק און לאָנדאָן.

## פערשווינדען דער סאָציאַל-דעמאָקראַט קוטנער

בערלין, 23 (ספּ. טעל.)

דער „בערלינער טאַגעבלאַט" איז מודיע, אַז עס איז אוועקגעקומען אָהן שפורען דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער דעפוטאַט קוטנער.

## אַמבאַסאַדאָרען פון איטאַליען און דייטשלאַנד

ניו-יאָרק, 23 (ספּ. טעל.)

פרעזידענט רוזוועלט האָט היינט אויפגענומען די אַמבאַסאַדאָרען פון איטאַליען און דייטשלאַנד, וועלכע האָבען זיך געווענדעט צום פרעזידענט מיט דער בקשה צו געבען אויפקלערונגען וועגען דעם שטעל אין נאָרמאַן דייווי'ס רעדע בנוגע דער בעוואָפנונגס-קאָנטראָל.

# סטאַביליזאַציע פון דאָלאַר און פונט

## זאָל היינט פערעפענטליכען די אמעריקאנער רעגירונג

פאַריז, 23. (ספּ. טעל.)

פון וואַשינגטאָן איז מען מודיע אַז די אַמעריקאַנער רעגירונג זאָל פערעפענטליכען אַ דעקלאַראַציע וועגען סטאַביליזאַציע פון דאָלאַר און פונט.

אויגען - קליניק
מיט שטענדיגע בעטען פון
Dr. B. Donchin
פּעטריקאָווער 90, טעלעפ. 221-72
נעהמט אָן שטענדיגע אויגען - קראַנקע (צוועק אָפּעראַציע א. ז. וו.), ווי אויך אַמבולאַטאָרישע פון 9 ביז 1 און פון 4 ביז 7.30 אָוונט.

Dr.
Wajnberg
ספּעציאַליסט פון לונגען- האַרץ- און מאָגען-קראַנקהייטען
ציגעל-גאַס 11, טעל. 126-02
נעמט אָן פון 9—10 פריה, 3—4 און 8—9 אָוונט.

ייד. סאָצ. אַרב. פּאַרטיי „פּועלי-ציון" (פּאַר. מיט צ.ס.פּ.) אין לאָדזש. ◆◆ זאַל פילהאַרמאָניע, נאַרוטאָוויטשאַ 20
היינט, מיטוואָך, ד. 24-טן מאַי, 8.30 אָוונט קומט פאָר
א גרויסער מאַסן-מיטינג
(צו די וואַלן צום 18-טן ציוניס-טישן קאָנגרעס)
מיט רעדעס וועגען אַרויסטרעטען די ח"ח:
ברוך צוקערמאַן
(אַמעריקע), ל. לעווין, ה. קאַי, ר. ראַבינאָוויטש.
בילעטען צו באַקומען ביי דער קאַסע פון זאַל פון 5 נאָכמ.

הײַנט 6 אַ זייגער נאָכמיטאָג ערעפנונג „NEGRO"
פון רעסטאַראַן און קאַוויאַרניע
6 Traugutta 6, tel. 238-36
(gmach Hotelu Savoy)
„טעגליך קאָנצערט
פון אָרקעסטער אונטער דער ליייטונג פון ה' ר. קאַנטאָר.
Dyrekcja: M. DOBRYSZYCKI b. dzierżawca kuchni i cukierni Grand Hotelu.
שבת, זונטאָג און יום-טוב פון 5—7 FIVO O'CLOKI = טאַנץ

